**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/29/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פראווו פראגראם מיט ׳בעיבי-טו-בעיבי׳ צוצושטעלן ווינדלעך און אנדערע נייטיגע באדערפענישן צו דאָמעסטיק ווייאָלענס סערוויס פראוויידערס**

***זעקס שטוב-געוואלד סערוויס באזארגער אין ניו יארק סיטי, דער סאוטערן טיער, און מערב ניו יארק וועלן באקומען באדערפענישן פאר קינדער פון שטוב-געוואלד איבערלעבער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א פראווו פראגראם צווישן נאציאנאלע ווינדלעך באנק ׳בעיבי-טו-בעיבי׳ און זעקס שטוב-געוואלד סערוויסעס באזארגער איסצוטיילן ווינדלעך און אנדערע נייטיגע באדערפענישן צו איבערלעבער פון שטוב-געוואלד און זייערע קינדער אין ניו יארק סיטי, דער סאוטערן טיער, און מערב ניו יארק. די היינטיגע אַנאָנסמענט שטיצט ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע פּאָליסיס און איניציאטיוון צו שטיצן איבערלעבער פון דאמעסטיק און סעקסועלע געוואלדטאט און טראנספארמירן סערוויס ליפערונג איבער׳ן סטעיט צו זיין פאקוסירט אויף איבערלעבער, טראומא אינפארמירט און קולטורעל אפרופענד, און אין דער זעלבער צייט פארברייטערן אויף ניו יארק סטעיט׳ס צוזאמענארבעט מיט ׳בעיבי-טו-בעיבי׳. דער ׳NYS קעירס + בעיבי-טו-בעיבי דייפער בענק׳ שטעלט איצט צו 20 מיליאן דייפערס בחינם, צוו קינדער און פאמיליעס לענגאויס דעם סטעיט דורך ניו יארק׳ס עמערדזשענסי שפייזן פראגראמען.

"די נושא פון דאָמעסטיק ווייאָלענס איז איינס וואס איז טיף פערזענליך פאר מיך און מיין פאמיליע, קעגן וועלכס איך האב געקעמפט מיין גאנצן לעבן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך דעם פראגראם איז מיין אדמיניסטראציע אנטשלאסן צו העלפן איבערלעבער און זייערע פאמיליעס צו באקומען די שטיצע און נויטבאדערפענישן וואס זיי דארפן אויף צו לעבן א מער ליכטיגע און מער זיכערע צוקונפט."

[׳בעיבי-טו-בעיבי׳](#) איז א דייפער בענק און נאָנפראָפיט ארגאניזאציע וואס גיבט פאר קינדער וואס וואוינען אין ארעמקייט דייפערס, קליידונג, און אנדערע נויטבאדערפענישן וואס קומט זיך פאר יעדן קינד. ניו יארק סטעיט באהעפט די ארגאניזאציע מיט HELP/ROADS, דער ׳אורבען רעסאָרס אינסטיטוט׳ און ׳סעיף האַרייזן׳ אין ניו יארק סיטי; ׳ליבערטי רעסאָרסעס׳ אין דער סאוטערן טיער; און ׳היספּאַנאָס אונידאָס דע באפעלאו׳ און דער ׳YWCA ניאגארא׳ אין מערב ניו יארק פאר דעם פראווו פראגראם, וועלכס וועט זיי ערמעגליכן צו שטעלן צוויי אָרדערס מיט ׳בעיבי-טו-בעיבי׳ פון איצט ביז אריין אין דעצעמבער. די סערוויס באזארגער וועלן אויספרעגן קליענטן וואס האבן קינדער ביז 12 יאר און פארלאנגען נויטבאדערפענישן פון ׳בעיבי-טו-בעיבי׳, וועלכס וועט אפשאצן די נויטיגקייט און שיקןביישטייערונגען דירעקט צו באזארגער אויסצוטיילן צו איבערלעבער און זייערע פאמיליעס.

**׳בעיבי-טו-בעיבי׳ מיט-CEOס קעלי פעטריקאף סאויער און נאָראַ וויינסטין האבן געזאגט**, "׳בעיבי-טו-בעיבי׳ שטאלצירט זיך צו פארברייטערן אונזער לאנגיעריגע צוזאמענארבעט מיט דער סטעיט ניו יארק אויף צו באזארגן איבערלעבער פון שטוב-געוואלד מיט די נויטיגע באדערפענישן וואס זיי דארפן אויף צו האלטן זייערע קינדער זיכער און געזונט דורכאויס דער פרעצעדענטלאזע צייט. מיר קוקן ארויס

פארצוזעצן צו וואקסן די איינפלוס פ[ון די ארבעט כדי אז יעדעס קינד, אפגעזעהן די אומשטענדן, באקומט די נויטבאדערפענישן וואס קומט זיך זיי."

**אפיס פאר אפהאלטן שטוב-געוואלד עקזעקיוטיוו דירעקטאר קעלי אווענס האט געזאגט**, "איבערלעבער ארבעטן אומערמידליך צו טרעפן צו די באדערפענישן פון פאמיליעס, און עס קען זיין איבערהויפט שווער פאר אזעלכע אין באזייטיגטע קאמיוניטיס. אונזער ארבעט צו טראנספארמירן סערוויס ליפערונג אין ניו יארק סטעיט צו א מער איבערלעבער-פאקוסירטע מוסטער מיינט דאס טרעפן צו איבערלעבער באדערפענישן דארט וואו זיי זענען. ניו יארק סטעיט איז אנטשלאסן צו פארזיכערן אז איבערלעבער האבן אלץ וואס זיי דארפן זיי צו העלפן טרעפן סטאביליטעט און אוטאנאמיע, און דער פראגראם וועט העלפן איבערלעבער וואס נייטיגן זיך דערין די מערסטע."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס קאמישענער שיילע דזשעי. פול האט געזאגט,** "אין צוגאב צו דאס צושטעלן זיכערע שוץ-ערטער פאר איבערלעבער פון שטוב-געוואלד, דארפן מיר טרעפן צו זייערע נויטיגע באדערפענישן און זיי העלפן אויפ'ן וועג צו זעלבסטשטענדיגקייט. איך לויב גאווערנער האקול פאר'ן אוועקשטעלן דער נויטיגער פראגראם צו שטיצן איבערלעבער און זייערע יונגע קינדער."

אין לויף פון די לעצטע 10 יאר האט 'בעיבי-טו-בעיבי' אויסגעטיילט איבער 200 מיליאן פראדוקטן צו קינדער אין היימלאזע שוץ-ערטער, שטוב-געוואלד פראגראמען, אויפצי קעיר, שפיטעלער, און אונטערסערווירטע סקולס, ווי אויך צו קינדער וועלכע האבן אלעס פארלוירן אויפ'ן שפיר פון דיזעסטער. שוין דעם יאר האט 'בעיבי-טו-בעיבי' באקומען פארלאנגען פאר 731 מיליאן דייפערס, א 505 פראצענטיגע העכערונג ווען פארגליכן צו 2020. 'בעיבי-טו-בעיבי' פירט אויך דער 'בעיבי-טו-בעיבי נאציאנאלע נעטווארק', א גרופע פון ארגאניזאציע מיט אייניגע-מיינונגען וועלכע טיילן אויס נויטיגע באדערפענישן צו קינדער וואס וואוינען אין ארעמקייט אין איבער 40 שטעט לענגאויס די "יונייטעד סטעיטס'.

דער סטעיט אפיס פאר אפהאלטן שטוב-געוואלד איז דער לאנד'ס איינציגע עקזעקיוטיוו שטאפל סטעיט אגענטור געווידמעט צו די נושא פון שטוב-געוואלד. דער סטעיט'ס דאמעסטיק און סעקסועלע געוואלדטאט האטליין איז אפן 24/7 אויף 800-942-6906 (רופן), 844-997-2121 (טעקסט) אדער @opdv.ny.gov (טשעט).

דער סטעיט אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס לייסענס'ט און פינאנצירט דאָמעסטיק ווייאָלענס סערוויס פראוויידערס און די סטעיט אפיס פאר איבערלעבער סערוויסעס פינאנצירט און שטיצט איבער 200 איבערלעבער הילף פראגראמען איבער'ן סטעיט וועלכע באזארגן דירעקטע סערוויסעס צו געליטענע און איבערלעבער פון פארברעכנס און זייערע פאמיליעס. די געליטענע הילף פראגראמען העלפן אויך פאר סיי וועלכע געליטענע פון פארברעכנס זיך צו ווענדן פאר פארגיטיגונג און אנדערע פינאנציעלע הילף פון דער אגענטור, וועלכס איז א זיכערהייט נעץ פאר מענטשן וואס האבן נישט קיין אנדערע רעסאָרסן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418